**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו מינימיזירן שטערונגען צו צוטריט צו דזשיאטערמל הייצונג און קילונג סיסטעמען**

***לעגיסלאציע (S.6604/A.6949) ערלויבט סטעיט צו בעסער רעגולירן דזשיאטערמל וועלס און פארמינערן קאסטן כדי צו נאכקומען סטעיט'ס דיקארבאנייזעישאן צילן***

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.6604/A.6949) צו מינימיזירן שוועריקייטן צו צוטריט צו דזשיאטערמל הייצונג און קילונג סיסטעמען צו העלפן דערגרייכן די צילן פון די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט. די לעגיסלאציע צילן צו פארמינערן די קאסטן פאר די אינסטאלירונג פון דזשיאטערמל וועלס, העלפנדיג ניו יארקער נאכקומען די סטעיט'ס דיקארבאנייזעישאן פאדערונגען.

"עס איז נישטא קיין צייט צו פארשווענדן ווען עס קומט צו מאכן דויערהאפטיגע ענדערונגען צו ראטעווען אונזער פלאנעט, און דאס פארלאנגט באדייטנס פארמינערן געביידע עמישאנס נוצנדיג אלע אוועילעבל טעכנאלאגיעס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די לעגיסלאציע העלפט אונז נעמען גרעסערע טריט צו ריינע ענערגיע אין וועגן וואס וועלן האבן דויערהאפטיגע ווירקונגען אויף אונזער ענווייראנמענט און פובליק געזונטהייט."

לעגיסלאציע S.6604/A.6949 צילט צוצושטעלן פאסיגע איבערזיכט אויף דזשיאטערמל דרילינג און מיינינג דורכן טוישן ווי אזוי געוויסע וועלס וואס ווערן געדרילט טיפער ווי 500 פוס אונטער די ערד'ס איבערפלאך ווערן רעגולירט. יעצט, זענען זיי רעגולירט אונטער די זעלבע געזעצן וואס דעקן אויל און גאז מינעס און דרילינג. די לעגיסלאציע וועט שאפן נייע געזעצן, פארגרינגערנדיג די רעגולירונג פון דזשיאטערמל גראב לעכער בשעת'ן פארזיכערן אז אלע טיפע וועל לאקאציעס דורכאויס די סטעיט זענען גענוג איבערגעקוקט און אז מעגליכע ווירקונגען פון די דרילינג פראצעדור ווערן באגרעניצט. די לעגיסלאציע נעמט אויך אריין געזעצן צו פארזיכערן די באשיצונג פון פובליק זיכערהייט און די ענווייראנמענט בשעת די דרילינג פראצעדור.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאל קאנסערוועישאן קאמישאנער בעיזיל סעגאס האט געזאגט,** "אויסנוצן די מעגליכקייטן פון דזשיאטערמל ענערגיע איז קריטיש כדי צו פאראויסשטופן ניו יארק'ס אריבערגאנג צו ריינערע ענערגיע קוועלער, העלפנדיג צו פארמינערן דעם באנוץ פון פאסיל פיולס וואס ווערן יעצט גענוצט צו הייצן און קילן אונזערע היימען און ביזנעסער. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און לעגיסלאטיווע פירער פאר דעם שריט, וואס פארשטארקערט ניו יארק'ס דיקארבארנייזעישאן באמיאונגען דורכן מאדערניזירן די סטעיט'ס דזשיאטערמל דעוועלאפמענט פאדערונגען און העלפן צו פארמערן די אוועילעביליטי פון הייצונג פאמפס און אנדערע גרינע טעכנאלאגיע."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO דארין מ. העריס האט געזאגט,** "עלימינירן שוועריקייטן צו ערלויבן מער פראקטישע צוטריט צו נייע ריינע ענערגיע טעכנאלאגיעס וועט צושטעלן דעם וועג צו אונזער צוקונפט, נידערנדיג אדער אוועקנעמענדיג די אנגעוויזנקייט אויף פאָסיל-ברענשטאף אין אונזערע היימען וואס איז דער יסוד פון ניו יארק סטעיט עררייכן די צילן פון דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ. מיט די היינטיגע מעלדונג, וועלן מער ניו יארקער קענען אויסנוצן העכסט ווירקזאמע הייצונג פאמפס וואס קענען קילן און הייצן היימען פאר א ברוכטייל פונעם קאסט בשעת'ן בויען א מער אנהאלטבארע צוקונפט פאר אונזערע קינדער."

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט פרעזידענט און CEO דזשאסטין א. דריסקאל האט געזאגט,** "דערגרייכן ניו יארק'ס אמביציעזע קלימאט און דיקארבאנייזעישאן צילן וועט פאדערן ערפינדערישע עלעקטריפיקאציע לעזונגען און א יעדער-זאל-העלפן צוגאנג. די לעגיסלאציע וואס דער גאווערנאר האט היינט אונטערגעשריבן שטרייכט אונטער ניו יארק'ס געטריישאפט צו שאפן א ריינערע, מער סאסטעינעבל צוקונפט דורכן צילן צו דיקארבאניזירן געביידעס, איינע פון די סטעיט'ס גרעסטע קוועלער פון קארבאן עמישאנס."

**פארזיצער פון די פובליק סערוויס קאמיסיע ראַרי מ. קריסטשען האט געזאגט,** "דער קלימאט טויש קריזיס וואס ליגט אויף אונז פארלאנגט א יעדער-זאל-העלפן צוגאנג עס צו באקעמפן, און גאווערנער האקול פירט ווייטער דעם קאמף מיט ערפינדערישע שריט אזוי ווי דאס."

**סטעיט סענאטאר פיטער הארקהאם, פארזיצער פון די סענאט קאמיטעט אויף ענווייראמענטאלע קאנזערוואציע, האט געזאגט,** "צו פארמינערן פאסיל פיול באנוץ און נאכקומען די אמביציעעז צילן אין די קאמיוניטי פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט, זענען דזשיאטערמל סיסטעמען א ריינע ענערגיע טעכנאלאגיע וואס דארף ווערן געמוטיגט די נייע געזעץ וואס ערלויבט טיפערע גראב לעכער מיינט וויניגער פראיעקט קאסטן, וואס וועט באדייטנד פארמערן די אלטערנאטיווע ענערגיע אינדוסטריע איבער'ן גאנצן סטעיט. א דאנק אייך גאווערנער האקול פאר'ן אונטערשרייבן דעם ביל און אסעמבלי מיטגליד גליק פאר איר ארבעט אין פאראויסשטופן די לעגיסלאציע. דאס איז א ריזיגע געלעגנהייט צו טוישן צו א גרינע ענערגיע קוואל וואס וועט שאפן נייע דזשאבס און עכטע שפארונגען פאר היים אייגנטומער בשעת'ן מוטיגן אונזער עקאנאמיע."

**אסעמבלי מיטגליד דעבארע גליק, פארזיצער פון די אסעמבלי ענווייראמענטאלע קאנזערוואציע קאמיטעט, האט געזאגט,** "כדי צו באשיצן די ענווייראמענט און דערגרייכן די אמביציעזע צילן וואס שטייען אויסגעשריבן אין די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט, דארפן מיר מאכן עקזיסטירנדע גרינע טעכנאלאגיע, אזוי ווי דזשיאטערמל הייצונג און קילונג, מער צוגענגליך. איך בין צופרידן אז גאווערנער האקול שרייבט אונטער די וויכטיגע לעגיסלאציע וואס שאפט א גרינגערע פראצעדור פאר דזשיאטערמל גראב לעכער וואס וועלן מאכן די טעכנאלאגיע מער צוגענגליך פאר פראיעקטן, ערמעגליכנדיג דזשיאטערמל ענערגיע צו זיין מער ברייט באנוצט דורכאויס ניו יאר סטעיט."

**סיערע קלוב אטלאנטיק טשאפטער קאנזערווירונג דירעקטאר ראדזשער דאונס האט געזאגט** "באנייבארע ענערגיע געטריבענע טעכנאלאגיע וועט באלד הייצן און קילן יעדע היים אין ניו יארק און די מערסט אפעקטיווע סיסטעמען וועלן נוצן דזשיאטערמל ענערגיע. דורכן אויסנוצן די גלייכע טעמפעראטור פון די ערד דורך פראקטישע הייצונג פאמפס, קען סיי וועלכע היים אדער ביזנעס אנהאלטן באקוועמע גראד אינדערהיים פאר א ביליגע פרייז אן קיין נאטורליכע גאז, היים הייצונג אויל אדער גאר טייערע סומעס פון עלעקטריציטעט. מיר אנערקענען גאווערנער האקול און לעגיסלאטיווע פירער פארן אנערקענען אז אויב די קריטישע אינדוסטריע וועט בליען, זאלן אלטמאדישע רעגולאציעס געמאכט פאר אויל און גאז גראבונגען, נישט ווערן ענליך גילטיג אויף דזשיאטערמל סיסטעמען."

**ניו יארק ליעג פון קאנזערוואציע וויילער פרעזידענט דזשולי טיי האט געזאגט,** "פארלייכטערן באגרעניצונגען אויף דזשיאטערמל ענערגיע דעוועלאפמענט איז א גרויסע טריט אין אונזער אריבערגאנג צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע. אוועקנעמען ריינע דזשיאטערמל ענערגיע פון רעגולאציעס וואס דארפן רעגירן אויף די שמוציגע אויל און גאז סעקטארס וועט העלפן אויספלאסטערן דעם וועג פאר אפארדעבל און פראקטישע הייצונג און קילונג לעזונגען און וועט גיין א לאנגע וועג צו פארמינערן עמישאנס פון די סטעיט'ס בויען סעקטאר. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול אינאיינעם מיט סענאטאר הארקהעם און אסעמבלי מיטגליד גליק פארן אריבערפירן די NYLCV סקאורקארטל ביל צו ווערן אריינגעשריבן אלס געזעץ און פאר זייער כסדר'דיגע געטריישאפט צו א מער סוסטעינעבל ניו יארק."

**NY-GEO פרעזידענט און קא-אייגנטומער באפעלא דזשיאטערמל קא-אייגנטומער דזשענס פאניקאו האט געזאגט,** "צו פארברייטערן די דרילינג טיפקייט פאר פארמאכטע לופ דזשיאטערמל גראב לעכער איז א וויכטיגע טריט פאראויס צו ערמעגליכן דזשיאטערמל סיסטעמען. מיר ווילן באדאנקען די לעגיסלאטור, דעם גאָווערנאָר, און ספעציעל די דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאל קאנסערוועישאן פאר זייערע באמיאונגען צו ערמעגליכן דזשיאטערמל טעכנאלאגיעס צו בליען אין ניו יארק סטעיט צו ערזעצן פאסיל פיולס פאר הייצונג און הייס וואסער געברויכן. ניו יארק איז נישט נאר געווארן די סטעיט פון געלעגנהייט, נאר עס איז אויך געווארן א פירער אין איינפירן באנייבארע ענערגיע."

די לעגיסלאציע בויט אויף מערערע שריט צו שטיצן די סטעיט'ס ארבעט צו באקעמפן קלימאט טויש און פארמינערן געביידע עמישאנס. גאווערנער האקול[האט געמאלדן](#) די אינסטאלירונג פון 30,000 הייצונג פאמפס פאר ניו יאָרק סיטי פובליק האָוזינג איינוואוינער און האט זיך אנגעשלאסן אין די US קלימאט אליאנץ צו מעלדן א פארפליכטונג צו פארטאפלען פיר מאל הייצונג פאמפ אינסטאלירונגען ביז 2030.

דזשיאטערמל הייצונג פאמפ סיסטעמען זענען צווישן די מערסט פראקטישע און באקוועמע הייצונג און קילונג טעכנאלאגיעס וואס זענען אווילעבל, נוצנדיג די ערד צוצושטעלן סיי הייצונג און קילונג מעגליכקייטן פאר א פלאץ, און אין טייל פעלער, הייס וואסער הייצונג פאר רעזידענשל און קאמערשל געביידעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן